בעז"ה

קונטרס

# דברות קודש

## שזכינו לשמוע מאת
## כ"ק מרן רבינו שליט"א

## דברים חוצבים להבת אש קודש
לאור המצב הקשה השורר בכל העולם כולו

**צו השעה והכנה דרבה לקראת יו"ט פסח הבעל"ט**
**ע"י לייוו הוקאפ ביום י"ג ניסן שנת תש"פ לפ"ק**
בביתו נאוה קודש


יו"ל ע"י
**ווער מעתיקי שמועה**
**של כ"ק מרן רבינו שליט"א**
ערבי פסחים שנת תש"פ לפ"ק

**יכולין לשמוע הדברות קודש**

על מערכת סאטמאר טעל ליין

**718-831-7000**

להגהות והערות יש לפנות

**347.309.5244**

# דברות קודש דברי התעוררות
# ודברי הכנה לחג המצות הבעל"ט

לכלל אנ"ש ע"י לייוו הוקאפ

## ביום י"ג ניסן תש"פ לפ"ק

מורי ורבותי! מ'האלט מיר שוין בי"ג בניסן, דער טאג וואס מרדכי הצדיק האט אנגעגומען די עצה פון לך כנוס את כל היהודים, אז מ'זאל מתפלל זיין און איינרייסן אויף דעם ביטל הגזירה, אין אזא זמן וואס כלל ישראל איז נתונים בצרה גדולה, אידן זענען שבור ורצוץ אויף שברי שברים, כי כל לבב דוי וכל ראש לחלי, אזוי פול חולי ישראל וואס זענען מצפים לישועת ה', און ליידער ליידער אזויפיל קרבנות וואס די ביטערע גזירה האט שוין געקאסט,

**מ'האט אוועק געריסן אזויפיל גרויסע און חשוב'ע אידן, בפרט אין די לעצטע טעג האמיר געהאט אזא ביטערע אבידה שאין לה תמורה, דער שר וגדול, דער גאון וצדיק תמים, פון די נאנסטע תלמידים פון הייליגן רבין זי"ע דער מחותן דער שאפראנער רב זצ"ל, וואס יעדער ווייסט די חיבה יתירה וואס ער האט זוכה געווען ביים הייליגן רבין, ער האט זוכה געווען מסדר צו זיין די חידושי סוגיות פון רבין, א זקן ויושב בישיבה וואס האט מרביץ תורה געווען, ארייגעברענגט אהבת תורה ויראת שמים אמונה טהורה, מיט ישרות מיט תמימות אן קיין פשרות מיט מסורת האבות, און מעמיד געווען תלמידים הגונים, (איך וויל דא נישט מאריך זיין מיט קיין הספדים מ'טאר נישט זאגן שלא בפניו אין די ימי ניסן),**

אבער פון דעם גרויסע ביטערע אבידה וואס מ'האט אוועקגענומען פון דעם דור יתום, און בנוסף צו די ביטערע בשורות וואס מ'הערט יעדען טאג מ'האט אוועקגענומען חשובע רבנים ומרביצי תורה, און ערליכע חשובע בעלי בתים יראים ושלמים, אינגע טאטעס וואס האבן נאך געדארפט מחנך זיין זייערע קינדער וואס מ'האט פלוצלינג אוועקגענומען, און נאך אזויפיל חולי ישראל זענען מוטל על ערש דוי, ממש אין לך יום שאין קללתו מרובה, פון דעם גרויסן בראך זעהט מען ווי ביטער די גזירה איז, און וויפיל רחמי שמים מ'דארף האבן צו מבטל זיין די גזירה, ס'איז שוין נישט געווען אזא עת צרה זייער אסאך יארן,

**וואלט מען יעצט געדארפט כונס זיין כל היהודים און איינרייסן ביים כסא הכבוד, אבינו מלכינו מנע מגיפה מנחלתיך, שלח רפואה שלימה לחולי עמיך, אבער ליידער שבר על שבר מצאנו מ'קען דאך נישט זיך צוזאמקומען אינאיינעם, און ליידער וויפיל מ'האט געהאפט אז ס'קומט דער הייליגער יום טוב וועט מען שוין קענען צוריקגיין אין בתי מדרשים און קענען זאגן הלל ברוב עם הדרת מלך, אבער דערווייל זעהט מען נאך נישט וויאזוי מ'זאל דאס קענען מאכן, מווארט אויף די ישועה וואס אידן האפן יעדע רגע אז דער רבוש"ע וועט אונז העלפן, ישעות ה' כהרף עין, און מ'וועט נאך קענען מקיים זיין די מצוות היום בנערינו ובזקנינו כי חג ה' לנו, משה רבינו האט געזאגט אז ס'זאל קענען זיין חג ה' לנו איז ווען - נערים וזקנים יחדיו, - אבער ליידער קען מען דערווייל זיך נישט מאסף זיין מתפלל זיין אינאיינעם.**

ס'איז דא א מוראדיגע ווארט פון הייליגן חתם סופר, די גמ' זאגט תניא אמר רבי יוסי פעם אחת הייתי מהלך בדרך ונכנסתי לחורבה אחת מחורבות ירושלים להתפלל

בא אליהו זכור לטוב ושמר לי על הפתח - זאגט די גמרא - ואמר לי בני מה קול שמעת בחורבה זו ואמרתי לו שמעתי בת קול שמנהמת כיונה ואומרת אוי לבנים שבעונותיהם החרבתי את ביתי ושרפתי את היכלי והגליתים לבין האומות ואמר לי האט אליהו הנביא געזאגט פאר איהם בכל יום ויום שלש פעמים אומרת כך - ולא זו בלבד אלא בשעה שישראל נכנסין לבתי כנסיות ולבתי מדרשות ועונין יהא שמיה הגדול מבורך - הקדוש ברוך הוא מנענע ראשו ואומר אשרי המלך שמקלסין אותו בביתו כך - מה לו לאב שהגלה את בניו ואוי להם לבנים שגלו מעל שולחן אביהם.

זאגט דער הייליגער חת"ס אז דער בת קול זאגט אוי לו לבנים ווי' איז פאר די קינדער שגלו וואס זענען פארטריבן מעל שלחן אביהם, אבער ביים רבוש"ע שטייט מה לו לאב שהגלה את בניו, שטייט נישט אוי לו לאב, זאגט דער חת"ס - אז אידן זענען פארטריבן אין גלות איז אוי להם ס'איז זייער ביטער פאר זיי, אבער פארן רבוש"ע איז זייער חשוב די עבודה וואס אידן טוהן אין גלות, ווען אידן קומען אין בתי כנסיות ובתי מדרשות און מ'זאגט אמן יהא שמי' רבה, דער כבוד שמים פון אידן אין גלות איז זייער חשוב ביים בוכ"ע פינקט ווי די עבודה אין ביהמ"ק, - פארדעם שטייט נישט אוי לו לאב, שטייט נאר מה לו לאב וואס פעלט פארן טאטע'ן,

אבער ליידער בימינו אלה - ווען אידן בכל מקומות מושבותיהם זענען פאטריבן געווארן אויך פון די בתי מדרשים, און באותו זמן איז נאך אויך צוגעקומען הונדערטער יתומים וואס זאגן יתגדל ויתקדש שמיה רבה, און ליידער אסאך יונגע יתומים וואס זאגן קדיש, און ס'איז נישטא דער בשעה שישראל נכנסין לבתי כנסיות ולבתי מדרשות ועונין יהא שמיה הגדול מבורך, ווי אליהו הנביא האט געזאגט - הקב"ה מנענע ראשו ואומר אשרי המלך שמקלסין אותו בביתו כך, ס'איז נישט בביתו, יעצט איז א זמן וואס די שכינה הקדושה איז מנהמת כיונה - אוי לו לאב שהגלה את בניו, מ'האט אונז פארטריבן פון די בתי מדרשים אויך , - דער צער פון רבוש"ע אוי לו לאב שהגלה את בניו, **אידישע קינדער מ'דארף מיר מתפלל זיין פאר צער השכינה כביכול, בכל צרתם לו צר, כי ידעתי את מכאוביו דער רבוש"ע ווייסט יעדער צער וואס אידן האבן, וואס מ'גייט אדורך, און דאס וואס אידן זענען זיך מצטער אז מ'קען נישט גיין דאווענען אזוי ווי ביי יציאת מצרים שטייט ותעל שועתם אל האלקים מן העבודה,**

שטייט אין פסוק עמו אנכי בצרה אחלצהו ואכבדיהו, ווען דער רבוש"ע איז מיט אונז בצרתם לו צר דעמאלטס איז אחלצהו ואכבדהו, אז אונז וועלן מאמין זיין און פארשטיין דעם צער וואס דער בוכ"ע איז זיך מצטער אין יעצטיגן מצב, אין דעם זכות וועט זיין אחלצהו ווען דער רבוש"ע אוועקנעמען אלע צרות, און דער רבון כל עולמים זאל געבן אורך ימים אשבעהו ואראהו בישועתי, אלע אידן זאלן ניצל ווערן מכל מחלה ומכל צער און זוכה זיין צו אריכת ימים ושנים און צו קענען זעהן בישועת ה' בקרוב.

**מורי ורבותי - איך קען נישט מאריך צו זיין יעצט און מ'דארף שוין נישט מאריך זיין - איין זאך וויל איך אייך בעטן טייערע אידן מ'גייט בודק חמץ זיין און מאכן די ברכה על ביעור חמץ, זייטס מבער דעם חמץ די כלים וואס איז דער שאור שבעיסה וואס מאכט די גרויסע חרבנות, האט'ס רחמנות אויף ענקערע באבעס, האט'ס רחמניות אויף ענקערע זיידעס, האט'ס רחמניות אויף ענקערע טאטעס און**

**מאמעס, האט'ס רחמניות אויף זיך אליינ'ס האט'ס רחמניות אויף ענקערע דורות אויף ענקערע קינדער אויף ענקערע שטיבער ולא תתן המשחית לבוא אל בתיכם לנגוף, דאס איז דאך דער רוחניותדיגע מגיפה וואס האט שוין געברענגט אזויפיל קרבנות, מ'זאל בודק זיין מיט אמת צו מוז מען עס טאקע האבן - איך בעט ענק משכו ידיכם מעבודה זרה, וועט אונז דער בוכ"ע משפיע זיין רחמים וחסדים גדולים אויף גאנצן כלל ישראל בכלליות ובפרטיות.**

מורי ורבותי אחי ורעי - ווער האט זיך אמאל געקלערט אז אין אזא חשכות אין אזא דור יתום וועט מען אונז נאך ברענגען אזאלעכע צרות און אזאלעכע נסיונות, מ'איז אינגאנצען צוקלאפט בגשמיות וברוחניות, אידן זענען צובראכן מ'קען נישט גיין אין בית המדרש, די גמרא זאגט חייב אדם לטהר עצמו ברגל, יעדער וואלט געוואלט זיך מטהר זיין, ווער האט געטראכט נישט צו קענען גיין אין בית המדרש, ווער רעד נאך אין הייליגן יום טוב פסח צו דאווענען און זאגן הלל, בענטשען טל, און נישט קענען מאכן די סדרים מיט די קינדער און די אייניקלעך, מקיים זיין די מצוה פון והגדת לבנך, דער הילולא פקע איגרא ברב עם, ס'איז יעדער אזוי צובראכן מ'איז מצפה לישועת ה', מ'איז מקיים די מקוה מיט מקוה ישראל מושיע בעת צרה, די האפענינג די בטחון פון די אידן דאס איז מושיע.

און ווער ס'מוז אנקומען צו דאווענען ביחידות ווייל דאס איז יעצט דער רצון ה', און איז מקיים ונשמרתם מאוד לנפשותיכם, איז דער בוכ"ע מקבל זיין תפלה בלב נשבר, אבער לאמיר דעם זמן זיך מאכן אביסל א חשבן הנפש זיך מקבל זיין צולייגן מער כוונה צו די עבודת שבלב זו תפלה, בפרט תפלה בעת צרה וואס איז דאורייתא, זאל מען אביסל מכוון זיין פירש המילות, רפאינו ה' ונרפא והעלה רפואה שלימה לכל מכותינו, על הצדיקים ועל החסידים ועל זקני שארית עמך בית ישראל ועל גירי הצדק ועלינו יהמו נא רחמיך ה' אלוקינו אונז בעט'ן דעם אייבערשטען ותן שכר טוב לכל הבוטחים בשמך באמת, מ'זאל מיר זוכה זיין צו קענען זיין פון די ושים חלקינו עמהם ולעולם לא ניבוש כי בך בטחנו אין יעדע ברכה וואס א איד מאכט אשר יצר, מכוון זיין פשוט'ע פירוש המלות, רופא כל בשר ומפליא לעשות, בורא נפשות רבות להחיות בהן נפש כל חי, וויפיל דארף א איד לויבן דעם בוכ"ע כל זמן שהנשמה בקרבי מודה אני לפניך, על כל נשימה ונשימה תהלל י-ה, וויפיל אידן פרובירן צו אטעמען וויפיל דארף מען דאנקען דעם בוכ"ע על נשמותינו הפקודות לך ועל נסיך שבכל יום עמנו.

דער בוכ"ע איז מתאוה צו די תפלה פון א איד, ובפרט בעת צרה, דער אייבערשטער האט געזאגט השמיענו את קולך כי קול ערב, ער וויל הערן די תפלת פון לב נשבר, מ'זעהט א רמז אין פסוק אויף די תפלת יחיד און די יעצטיגע זמן בדור האחרון, אין די קאפיטל פון תפלה לעני כי יעטוף שטייט, פנה אל תפלת הערער ולא בזה את תפלתם תכתב זאת לדור אחרון - חז"ל זאגן דער תפלת הערער איז א תפלת יחיד, א רמז אויף דעם דור אחרון, שטייט דארטן כי השקיף ממרום קדשו לשמוע אנקת אסיר, דער בוכ"ע קוקט און הערט אויס אפילו דעם תפלת יחיד, דער אייבערשטער וועט אודאי מקבל זיין די אלע תפלות פון די לבבות נשברות און מ'זאל זוכה זיין צו ישועות ה' בקרוב ווי דער פסוק זאגט דארט, לספר בציון שם ה' ותהלתו בירושלים.

מגייט שוין היינט ביינאכט אריין אין דעם

אור לארבעה עשר, קען זיין א רמז וואס די חכמים רופן דעם נאכט אור לארבעה עשר ווייל ווען ס'קומט דער זמן, איז אפילו בחשכת לילה, אין די פינסטערנישט פון די נאכט ווערט דער לילה אור בעדינו, ס'איז אפשר א רמז אויף אונזער זמן אז מ'דארף זיך מחזק זיין אין די שווערסטע זמנים בתוך החשך, אונז זעמיר מאמין באמונה שלימה אז אלעס איז באמת ליכטיג ס'איז אלעס גרויסע חסדים ואמונתך בלילות, ס'איז א חלק פון די חבלי משיח וואס אונז גיימיר דורך אין די לעצטע טעג פאר ביאת משיח, אונז זעמיר מתפלל און האפן אויף תאיר כאור יום חשכת לילה, און ס'איז זיכער אז בזכות פון די אמונה וואס אידן זענען זיך מחזק בעת צרתם, און מ'גייט אריין צום יום טוב מיט שמחה און מקבל באהבה וועלן מיר זוכה זיין צו דעם ריכטיגן אור גדול, און זוכה זיין די ליכטיקייט פון די גאולה דער אור חדש בציון תאיר,

**איז אודאי יעצט דער זמן אידן זאלן זיך מחזק זיין מיט אמונה ובטחון אז דער בוכ"ע וועט זיכער העלפן מיט די ריכטיגע ישועה, אלע אידן זאלן זוכה זיין אריינצוגיין דעם הייליגן יום טוב באנפין נהירין מיט אמת'דיגע שמחה מ'זאל ארויסגיין מאבל ליום טוב ומאפילה לאור גדול, דער בוכ"ע זאל אריינשיינען אין אידישע הערצער מ'זאל זיך קענען מחזק זיין און מ'זאל זוכה זיין צו קענען מקיים זיין אלע מצות היום מתוך שמחה וטוב לבב,**

אידן גרייטן זיך צו די גרויסע עבודה פון ליל התקדש החג, דער פסוק זאגט הַשִּׁיר יִהְיֶה לָכֶם כְּלֵיל הִתְקַדֶּשׁ חָג, דער שיר וואס אידן וועלן געבן אויף די נסים לעתיד לבוא וועט זיין מעין די גרויסע שירה והלל וואס אידן זאגן פסח ביינאכט, דאס גרעסטע חביבות פאר אידן איז דער ליל התקדש חג. ווען דער בוכ"ע האט ארויסגעוויזן אז יעדער איד נישט קיין חילוק און וועלכער מצב ער איז, איז ער בבחינת בנים למקום, און דאס איז דער חביבות פון ליל התקדש החג, נישט ביום צאתנו מארץ מצרים בייטאג ווען אידן זענען ארויס בפועל פון מצרים, נאר דוקא פסח ביינאכט במכות בכורות, דער בוכ"ע האט געזאגט פאר משה רבינו דער צווי ביים גיין צו פרעה וְאָמַרְתָּ אֶל פַּרְעֹה כֹּה אָמַר ה' בְּנִי בְכֹרִי יִשְׂרָאֵל וָאֹמַר אֵלֶיךָ שַׁלַּח אֶת בְּנִי וְיַעַבְדֵנִי וַתְּמָאֵן לְשַׁלְּחוֹ הִנֵּה אָנֹכִי הֹרֵג אֶת בִּנְךָ בְּכֹרֶךָ: דער גאנצער מכות בכורות איז צו ווייזן אז דער בוכ"ע האט אונז אונז זענען זיינע באליבטע קינדער בני בכורי ישראל אונז זענען זיינע בנים חביבים,

לאמיר באמת אריינטראכטן אידן זענען דעמאלס געווען בשפל המצב בגשמיות וברוחניות זענען געווען עבדים בעבודת הפרך, און ברוחניות ואת ערום ועריה, און דעם זמן האט דער בוכ"ע געזאגט בני בכורי ישראל, און דער חביבות דארף א איד שפירן יעדעס יאר ביי דעם חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים, מ'דארף געדענקען אז א טאטע איז א טאטע אייביג אפילו מ'זעהט נישט די חסדים באופן גלוי, איז ער אויך א טאטע, און אפילו אויב מ'מיינט מ'איז נישט ראוי דערצו, אבער דער אמת איז יעדער איד איז א בן חביב.

והוא שעמדה לאבותינו ולנו בכל דור ודור אידן האבן זיך מחזק געווען בעת צרתם, ווי **דער רבי זי"ע פלעגט צו זאגן נאך די אלע ביטערע צרות אז אפילו מ'האט אלעס פארלוירן אבער דעם גרויסן טאטן דעם רבוש"ע האמיר נישט פארלוירן**, יעצט איז דער זמן וואס דער איד איז א בן למקום און קען בעטן אלעס וואס ער דארף פון טאטן. ס'איז דא אידן וואס אלע יארן זיצן זיי מיט די קינדער און

אייניקלעך סביב לשלחנם, און יעצט זיצט מען מיט רבוש"ע אליין - ווי דער זוהר הק' זאגט דער רבוש"ע קומט אראפ צו יעדן איד צום סדר, - א בחינה וואס שטייט ביי שמיני עצרת אין זוהר - ווען מ'זיצט מיטן בוכ"ע אליין שאל מה דבעי קען מען בעטן אלעס וואס מ'וויל, און אזא זמן דארף מען אויסניצן צו בעטן - וכאן הבן שואל - אויסבעטן אלע ישועות און רפואות. ווען האמיר נאך אזא זכיה צו זעהן דעם מי גוי גדול אשר לו אלקים קרובים אליו, דער רבוש"ע איז קרוב אלינוער איז נאנט צו אונז אידן ער איז מתאוה לתפלתינו ער וויל הערן יעדן איינעמ'ס תפילה לכל אשר יקראוהו באמת.

מ'זעהט אין זוהר הק' די גרויסע שמחה עילאה פון דעם בוכ"ע בעת אידן פרייען זיך ביציאת מצרים בזמן הגלות, מ'זעהט די מורא'דיגע לשונותשטייט אין זוהר הק', וקודשא בריך הוא חדי בההוא ספור, דער רבוש"ע פרייט זיך מיט די סיפור יציאת מצרים פון יעדן פשוטע אידן, ביה שעתא כניש קודשא בריך הוא לכל פמלייא דיליה, ואמר לון זילו ושמעו ספורא דשבחא דילי' דקא משתעו בני וחדאן בפורקני, אידן פרייען זיך מיט די גאולה פון בוכ"ע ווייל פארוואס ווייל בכל צרתם לו צר, דער בוכ"ע האט מצטער געווען בגלותינו אין מצרים, און אזוי אויך בצרתינו, איז דאך א כל שכן אז און אזעלעכע זמנים וואס כאטש אידן זענען אזוי צובראכן, און מ'איז זיך מחזק מיט שמחה און מיט בטחון, איז דאך נישטא קיין גרעסערע זכיה פון דעם, משמח צו זיין דעם בוכ"ע אין אזא זמן.

זאל דער בוכ"ע העלפן מ'זאל זיך קענען האלטן מיט אמונה ובטחון, דער יום טוב פסח איז דער שורש פון אמונה וואס דער רבוש"ע שיינט אריין אין אידשע הערצער, די אלע מצות איז משפיע אמונה טהורה, די סיפור יציאת מצרים שטייט וידעתם כי אני ה' אלקיכם, מצה איז משפיע אמונה מיכלא דמהימנותא, פאר אונז און פאר די קינדער ווי ס'שטייט ביי סיפור יציאת מצרים וידעתם כי אני ה' אלקיכם,

ס'איז דא אינגעלייט וואס דארפן דאס יאר מאכן א סדר צום ערשטן מאל, מ'דארף אריינלייגן די שרשים פון אמונה אין די קינדער, שטייט אין אוהב ישראל, די גרויסע קדושה וואס קומט אראפ אויף יעדן אידישע טאטע, בזו הלילה מתגלה אור השכל והאמת והאמונה וחופף בלילה הזה על כל זרע ישראל, און דעמאלס ווען א טאטע איז מקיים והגדת לבנך - אז בודאי יכנסו דברי האב באזני הבן - ער זאל באקומען די אמתדיגע אמונה,

און דער זיידע ז"ל אין רב טוב (פרשת בא) זאגט נאך סאך א גרעסערע ענין, אז דער ענין פון סיפור יציאת מצרים - וואס איז דער תכלית משריש זיין אמונה בלב בניו וביתו אחריו, ווערט מקיום אשים דברי בפיך ממש - אז דער שכינה הקדושה מדברת מתוך גרונו פון יעדן טאטן, - למען שתי אותותי אלה בקרבו וידעתם כי אני ה' - כביכול אז דער רבוש"ע איז דער מספר באזני בנך - ס'איז שכינה מדברת מתוך גרונו. איז דאך אודאי נישטא קיין גרעסער עת רצון ווי דעם אז דער רבוש"ע קומט זיך מיטפרייען און רעדט מיט די הייליגע דיבורים פון א איד,

ס'איז א זמן ווען אלע אידישע תפלות ווערט נתקבל, ווי ססשטייט אין ספרים - לחם שעונין עליו דברים הרבה, מ'ענפערט אויף אלע בקשות, ובפרט רפואות שטייט - מצה מאכלא דאסוותא וואס ברענגט כל מיני רפואות, מ'דארף נאר זיין הבן שואל, און דער רבוש"ע וועט עונה זיין עליו דברים הרבה,

זאל דער בוכ"ע העלפן - ס'קומט ליל

שימורים דער בוכ״ע זאל שומר ומציל זיין גאנץ כלל ישראל מכל נגע ומחלה און ס׳זאל מקוים ווערן וכל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך כי אני ה׳ רופאיך, מ׳זאל אינזיהן האבן מתפלל זיין לקיים בנו חכמי ישראל, ועל זקני שארית עמך בית ישראל אלע זאלן זוכה זיין לאורך ימים ושנים טובים, און עקסטער וויל איך דערמאנען און בעטן דעם ציבור מ׳זאל מתפלל זיין פאר מיין ברודער דער זענטער רב זאל זיין געזונט - זאל האבן א רפואה שלימה מיט אריכת ימים ושנים, און אזוי אויך פאר אלע חולי ישראל וואס זענען זקוק לרחמי שמים, - והסר מעלינו ומכל עמך בית ישראל כל מיני חולי וכל מיני מדוה בגשמיות וברוחניות, און דער בוכ״ע זאל משפיע זיין פרנסה בריוח מיט אלע השפעות טובות, און איך האף שוין בקרוב ווערן מיר זיך אלע זעהן אינאיינעם מיטן גאנצן ציבור צוריק אין בית המדרש געזונטערהייט,

און לאמיר נישט פארגעסן - אין אזא עת רצון צו בעטן דעם בוכ״ע אז אונז וויל מיר ווייטער מחנך זיין אונזערע דורות מיט אמונה טהורה מיט קדושה מיט טהרה, אזוי ווי מ׳האט מקבל געווען פון הייליגן רבין זי״ע און פון אלע דורות, ער זאל שוין אוועק נעמען די אלע נסיונות, און מבטל זיין די גזירות וואס ווילן חלילה משנה זיין אונזער חינוך בכל מקומות מושבותיהם, און מ׳זאל קענען ווייטער ממשיך זיין מגדל זיין דורות נאמנים לה׳ ולתורתו ולעבדו בלבב שלם באמת ובתמים,

און דער עיקר וואס מ׳דארף בעטן - אויף די אמתדיגע ישועה - גלה כבוד מלכותך עלינו, ס׳זאל שוין זיין יכירו וידעו כל יושבי תבל, אז נאר דער רבוש״ע איז דער בורא ומנהיג לכל הברואים, מ׳זעהט דאך שוין יעצט די גאנצע וועלט אז ואבדה חכמת חכמיו, אין חכמה ואין עצה ואין תבונה נגד ה׳, די גאנצע וועלט קען זיך נישט קיין עצה געבן מיט א משחית וואס צושפרייט זיך און מ׳קען נישט טרעפן קיין רפואה, דער רמב״ן אין סוף פרשת בא זאגט אז דער תכלית פון סיפור יציאת מצרים אז די גאנצע וועלט זאל וויסן דעם למען תדע כי אני ה׳ בקרב הארץ,

זאל מען שוין טאקע זוכה זיין צו זעהן בישועתן ושמחתן של ישראל, יראו עינינו וישמח לבנו ותגל נפשינו בישועתך באמת באמור לציון מלך אלקיך, און אלע אידן זאלן זוכה זיין צו בנערינו ובזקנינו צו גיין קעגן גואל צדק, שמחים בבנין ערך וששים בעבודתך, און אונז זאלן שוין זוכה זיין ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים, בהתגלות כבוד שמים עלינו, במהרה בימינו אמן.